פרשת משפטים תשפ"ג
גליון 55

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ב' פרשת בראשית, כ"ד תשרי, אסרו חג סוכות, שנת תשפ"א לפרט קטן

*... חמי', תלמידה בית פיגא ברסלב.*

איך האב זייער הנאה געהאט פון די מעשה וואס דו האסט מיר דערציילט, וואס דו האסט געהאט מיט דיין חבר'טע פון די סקול וואו דו האסט געלערנט איידער דו ביסט אריינגעקומען לערנען אין "בית פיגא".

זי האט דיר געפרעגט וואס דו באקומסט אין ברסלב אז דו ביסט ארויס פון יענע סקול אין געגאנגען קיין ברסלב, האסטו איר געפרעגט וואס זי טוט ווען זי האט א צרה, זי האט געטראכט און געטראכט ביז זי האט דיר געזאגט: "איך גיי אין בעט, איך דרוק צו דעם קישן צום פנים און איך וויין", האסטו איר געזאגט וואס מען לערנט אין בית פיגא, אז ווען מען האט א צרה, ווען זאכן גייען נישט ווי אזוי מען וויל – זאל מען גיין צום אייבערשטן און צו אים וויינען, נישט וויינען צום קישן... האסט איר געזאגט מיט שטאלץ וואס מען לערנט ביי אונז, וואס דער רבי לערנט אונז, מיר זאלן שטענדיג געדענקען אז מיר זענען נישט אליינס, 'דער אייבערשטער איז מיט מיר, ביי מיר און נעבן מיר'.

שטארק זיך און שטארק אלע דיינע חבר'טעס פון דיין אלטע סקול, זיי זאלן אויך וויסן אז מען קען אויך לעבן א געשמאקע לעבן פול מיט פאן און פארגעניגן צוזאמען מיט'ן אייבערשטן.

דיין ראש ישיבה.

# די פארלוירענע בת מלך

**סיפורי מעשיות מעשה א'**

## חלק ט'



אוּן זי הָאט אִים דֶערְקֶענְט. אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעקֶענְט דֶערְוֶועקְן. הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלָאגְן אוֹיף אִים. נאך אַזוֹיפִיל יָארְן וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט דִיךְ אוּן הָארֶעוֶועסְט אַזוֹי לַאנְג כְּדֵי אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעקָאנְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען. הָאסְטוּ גָאר אָנְגֶעוָוארְן.



אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט. זִי הָאט גֶעזָאגְט: עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. אַזוֹי א לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ בִּין דָא. אוּן קָאן נִיט אַרוֹיס וְכוּ'. דֶער נָאךְ הָאט זִי גֶענוּמֶען אַ פַאטְשֵׁיילֶע פוּן דֶעם קָאפּ. אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערֶן אוּן הָאט אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט לֶעבְּן אִים אוּן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין דֶער קַארֶעטֶע, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן.

**פארזעצונג קומט אי"ה**

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### רחלע שניטצלער דערציילט:

איך האב זייער שטארק געוואלט גיין צו א ציון פון א צדיק, ווייל איך ווייס אז וואס מען בעט די אייבערשטער ביי א ציון פון א צדיק העלפט די אייבערשטער. האב איך געבעטן די אייבערשטער נאכאמאל און נאכאמאל און ש'כח אייבערשטער אז די וואך בין איך געגאנגען צו די ציון פון סאטמארע רבי.

### בלומי איינדיג דערציילט:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך וויל האבן א נייע קלייד, און די אייבערשטער האט מיך געהאלפן אז מיין שוועסטער האט מיך אוועקגעגעבן א קלייד וואס זי האט נאך קיינמאל נישט גענוצט!

**עס קומט שוין ראש חודש אדר! קאליר די הערליכע משנכנס טאוול צו אויפהענגען אין דיין שטוב.**



# א שיינע תפילה צו זיין פרייליך

"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זיין פרייליך, איך זאל שפירן די שמחה אין אלע מיינע אברים, פון מיין קאפ ביז מיין פיס. איך זאל אנהויבן טאנצן פון גרויס פרייד אויף די גרויסע חסד אז דו האסט מיך באשאפן א איד און מיר געגעבן די הייליגע מצוות.

איך בעט דיר הייליגער באשעפער, האב רחמנות אויף מיר און נעם אוועק פון מיר די ביטערקייט און פוילקייט, איך זאל נאר זיין פרייליך און פרייליך מאכן אנדערע, און בזכות השמחה זאל איך זוכה זיין נכלל צו ווערן אינגאנצן אין דיר, איך זאל מער נישט זען פאר מיינע אויגן נאר דיר אייבערשטער, איך זאל זען און שפירן ווי דו ביסט אלעס, און עס איז מער גארנישט דא אויף די וועלט נאר דו אליינס, און זוכה זיין צו תשובה שלימה, מעתה ועד עולם אמן סלה".

## א שיחה
### פון די רבי

קענסטו טראכטן וועלכע באקאנטע שיחה פון די רבי די בילד טוט מיינען?



~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~



ענטפער פון פרשת בא:
**אביסל איז אויך גוט**

דודך: לאה סאלז

**מזל טוב!**
מרת היילפרין
צו איר נייע אינגל בעיבי!

**מזל טוב!**
גיטי, פייגעלע, און אדל יאקאבאוויטש
זייער מאמא האט געבוירן א נייע בעיבי!

**מזל טוב!**
הינדא ריקל כהן
צו איר שידוך!

**מזל טוב!**
מרת ח. פ. ניישטיין
צו איר חתונה!

**מזל טוב!**
מרת ר. שארף
צו איר נייע אינגל בעיבי!
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~